# Juudid—suursportlased



Daniel Mendoza, esimene juudisoost maailmameister.



Juut Barany, Europa kiireim ujuja 100 *m.* 58,4.



**Bill Carr** ja **Ben Eastman** (mõlemad juudid)



Max Baer.



D. Prenn, Saksa tennismeister.



Juut Lacoste, Prantsuse tennismeister.




Juut Harold Abrahams olümpiavõitja 100 *m.* jooksus, vigastas enese hiljem ja on praegu Inglise poliitikategelane ja parlamendi saadik.

VALMISRÕIVASTEKAUPLUS
**„TUGEV"**

TALLINN, HARJU 39

EESTI NÖÖBITÖÖSTUS
**MERKUR**
TALLINN, SUUR TARTU 69
TEL. 306-74

*Tuntud kvaliteedis välis- ja sisemaa*

***veinid***
***šampanjad***
***liköörid***
***konjakid***
***whisky***
***napsid jne.***



**J. Petenberg**
**Tallinn, Pikk 17,** Börsikelder. **Tel. 434-85**
*Vanim veinikelder Eestis! Asutatud 1849.*

**A.-S. „EESTISIID"**

VABRIKU LAOD:

TALLINN Viru 5, tel. 447-87
„ Viru 14, tel. 443-97
„ Laadaplats 70
TARTU, Poe 2, tel. 10-17
TARTU, Aleksandri 6, tel. 1-95
NARVA, Peetri plats 1
VILJANDI, Tartu 1-a, tel. 30
PETSERI, Turuplats 17, tel. 1-19

**MOODSAD RIIDED,—siidi,-villased, puuvillased, lõim. Müük en-gros, kupongid ja restid.**

„OMEGA"

די אור פארו
גאנצו לעבו!

I. RUBIN

VIRU 17.

Tallinna
Kammi- ja Hambaharja-
vabrik
„ESTOKAMM"
Kontor: Maakri tän. 4.
Tel. 314-49.

א׳ סרופמו.

# דריי תקופות „מכבי״

ארץ־ישראל. בעת דער הערשאפט פון רוימישן אימפעראטאר טיטוס, וועלכער האט זיך געשטעלט דעם ציל צו דעראבערן ירושלים, האט אין דער באלאגערטער שטאט צווישן די ייִדן געהערשט א פאניק. נאר א טייל פון דער יוגנט, וועלכע טראגן דעם מגן־דוד צייכן מיט דער איבערשריפט „מכבי״ (מי כמוך באלהים יה״) זיינען געווען די אקטיווסטע פארטיידיקער פון דער שטאט.

ירושלים איז געפאלן, אבער פון דור דורות איז אייעק דער נאמען „מכבי״ אלס סימבאל פון קאמף פאר באפרייאונג אין ייִדישער שטאלין.

דאס איז אייך די סיבה פארוואס א סך יארן נאך דעם, האט דער גרעסטער טייל פון פאריינען, וועלכע באשעפטיקן זיך מיט דער ווידערגעבורט פון ייִדישער קראפט — זיך געוויילט דעם נאמען „מכבי״.

אין דער צייט פון טיטוס איז דאס געווען א קאמף פאר פרייהייט מיט שונאים — היינט א באשטרעבען צום ווטקאמף מיט קעגנער, כדי זיי צו איבערציינן, אז דער גייסט פון די מכבים געפינט זיך נאך אין דער ייִדישער יוגנט.

עסטי. נאך דעם וועלטקריג און רוסישער רעוואלוציע איז טארטו געווען די ערשטע שטאט אין עסטי, וועלכע האט אנגענומען דעם נאמען „מכבי״ פאר דעם דארט עקסיסטירנדיקן ייִדישן ספארט־פאריין.

וועלנדיק פארשפרייטן דעם „מכבי״־געדאנק צווישן דער יוגנט, איז א גרופע ספארטלער פון טארטוער „מכבי״ מיט פופצן יאר צוריק געקומען קיין טאלין און דעמאנסטרירט פארשיידענע טורן־איבונגען פארן טאלינער ייִדישן עולם. נישט קוקנדיק דערויף, אז אייך דא „האט זיך פארגאסן בלוט״:—חברה אוריאן איז געפאלן בשעת א פיראמידע איבן נאז, האט זיך דער טאלינער יוגנט נישט דערשראקן און עס איז געגרינדעט געווארן אייך אין טאלין א „מכבי״. ווייטער גרינדן מיר אין נארווא און אין וואלק פאריינען, וועלכע עקסיסטירן שוין איצט נישט.

„מכבי״ טאלין האט געליפערט דער עסטנישער רעפרעזענטאנץ—מאנשאפט אין פארשידענע ספארט־דיסציפלינען ספארטלער, וועלכע האבן אייך אויף אינטערנאציאנאלע פארמעסטונגען פארנומען גוטע ערטער. הונדער־טער יונגטלעכע האבן געקראגן זייער ספארטלעכע דערציאונג אין די פארשיידענע סעקציעס פון „מכבי״. מיר קענען היינט מיט צופרידנקייט צוריקבליקן אויף דער 15־יאריקער טעטיקייט פון טאלינער „מכבי״ און קאנסטאטירן, אז דער פאריין האט א סך געטאן, כדי צו הויבן דעם ייִדיש־ספארטלעכן פרעסטיזש ביי אנדערע פעלקער.

ארץ־ישראל. „מכביה״ 1935. אן אומפארגעסלעכער בילד פון איפמארש פון טויזנטער מכבים ווידער אין זייער לאנד, אייך דער טאלינער „מכבי״ איז פארטראטן. חבר ר. טייטעלבוים פארנעמט דעם 1 ארט אין גע־וויכט־הייבן, דאס איז די שענסטע באפרידיקונג פאר א סימפאטיקער פון טאלינער „מכבי״. איך האב זיך באמת געפרייט אין געטראכט: הלואי זאל „מכבי״ טאלין געדייען, וואקסן, בליען. זאל דער פאריין שאפן צווישן דער עסטנישער ייִדי־שער יוגנט וואס מער וועטקעמפער אין ספארט־געביט, וועלכע זאלן קענען מיט ווירדע פארטרעטן דעם נאמען „מכבי״ און דענסטמאל וועלן אונדז קיינמאל נישט איינפעלן קעמפער אין פאל, ווען דאס לעבן וועט פאדערן צו שטיין אויף דער וואך צו באשיצן די בלוי־ווייסע פאן.



*Inglis Magasin*
*Omanik: L. SVERDLOV*

*Valmisrõivad*

*Maakri 2.*

AINULT

„Gloria“ sukki,

mis uue väljatöötamise tõttu on nägusad ja parimad, kannab elegantne daam.

Valmistame ka moodsaid meesterahva sokke „Gloria“ märgiga.

Tel. 456-79. Tallinn, Uus t. 28.

A.-S. „TRANSIITO“

ÕMBLUSMASINAD,
JALGRATTAD
RAADIO

Kr. Saar ja Ko.

Tallinn, Viru 3, tel. 41-620
Tartu, Raekoja 2, tel. 6-94

ALGAVAKS TALIHOOAJAKS
KVALITEETKAUPA SOOVITAB

HERMANN RÕIVAS'e

kodumaa
vabrikute
riidekauplus

**Tallinnas, Estonia p. 11.**

Müük suurel ja väiksel arvul.

# „Makkabi“ 1920—1935

# „מ כ ב י“ 1920—1935















Ülal ringis: J. Rubanovitsch.
Teine rida: I. Meiertal, „Makka-
bi“ väravavaht, 2) võimlemine
Piirita rannas, 3) I. Itsoch.

אויבן אין קרייז י. רובאנאוויטש.
צווייטע שורה: י. מייערטאל, וועלכער
האט זיך אויסגעצייכנט אלס גאלקיפּער
ניט נאר אין עסטי, נאר אויך אין טשע-
כאסלאוואקיי. (אין מיטן) אויפן פּיריטא-
פּלאזש.

פיל יארן האט מען עקשנותדיק געהאלטן הויך די „מכבי" — פאן. במשך פון יארן האט מען געאפפערט מי, צייט, ענערגיע לטובת דעם נאציאנאלן ספארט... אין יאר 1930 ניסט זיך אריין אין „מכבי" א פרישער שטראם: די ליטונג פון „מכבי" גייט איבער אין די הענט פון דער יוגנט, וועלכע האט געקראגן א דערציונג אין „מכבי" און דעריבער מיט גרויס ליבע זיך איבערגעגעבן דער אייגענער זאך.

די „יונגע" ליטונג האט זיך מיט מסירת נפש איבערגעגעבן דער ארבעט. בראש פון „מכבי" האט זיך געשטעלט לייב מארקאוויטש, וועלכער נאך אלס יוגנטלעכער האט איבערלעבט די פרייד און זארג פון דער ארגאניזאציע. ער איז גע־ווען באליבט בא אלע אקטיווע ספארטלער און אלע רופן אים ער־היום „לעפא". צו דער ערשטער „יונגער" ליטונג האבן געהערט: געהילף־פארזיצער: אסנאוויטש, סעקרעטאר: ד. שאגאל, קאסיר: י. וויגדערהויז, ספארט־אינסטרוקטאר: ה. מייערטאל, בעל־הבית: י. מעדניקאוו, י. פערלמאן און אנד.

במשך פון די לעצטע פינף יאר איז איפגעטאן געווארן א באדייטנדיקע ארבעט. די פארוואלטונג האט געלאזט צובויען צום גימנאסטישן זאל פון דער יידישער גימנאזיע א דוש מיט הייסע און קאלטע וואסער. דאס איז געווען א גרויסער איפטו פאר דער געזעלשאפט. גרויס אכט האט מען געלייגט אויף באזארגן ספארט־מכשירים. מען האט איינגעפירט אן אבלי־גאטארישע מעדיצינישע השגחה איבער די ספארטיסטן. דער ארצט פון „מכבי" איז ד״ר ש. מארקאוויטש.

גרויס מי און ענערגיע האט די פארוואלטונג פון „מכבי" אריינגעלייגט אין דער ארגאניזירונג פון א „יידיש־באל־טישעאלימפיאדע", וועלכע איז צוליב סיבות אומאפהענגיקע פון טאליגער „מכבי" ניט פארווירקלעכט געווארן. לשם פרא־פאגאנדע פון יידישן נאציאנאלן ספארט האט „מכבי" געמאכט עקסקורסיעס קיין טארטו, נארווא, ראקווערע, כדי צו בודירן די יידישע יוגנט פון עסטי צו דיסציפלינירטער פיזישער קולטור.

אין יאר 1934 האבן 80 מכביסטן אנטיילגענומען אין די אלעסטישע גימנאסטישע שפילן אין טאלין. די פאר־וואלטונג פון „מכבי" האט תמיד געהאט דעם ציל צו פראפאגאנדירן דעם „אידעלן" וויסן־ספארט—טענים. צוליב אומאפהענגיקע פון אונדז סיבות האבן מיר ניט געקענט די ארבעט פון טענים־סעקציע אנטוויקלען אין א גרויסן פארנעם. צו דעם צוועק האט מען טיילוויז צוגענריים דעם פלאץ פון דער יידישער גימנאזיע.

כדי צו דעקן די הוצאות, פארבונדענע מיטן אויסהאלטן פון אינסטרוקטארס און אנשאפונג פון מכשירים, האט די פארוואלטונג ארגאנזירט גרויסע פוסבאל־מאטשן און אנדערע ספארט־פארמעסטונגען מיט אויסלענדישע מאנשאפטן. (ווינער „הכח", בוראפעשטער „וויווא" און אנדערע). גרויס אכט האט אויך „מכבי" געלייגט אויף דער אנטוויקלונג פון פוסבאל צווישן דער יידי־שער יוגנט. אין דעם פרט קאן ניט „מכבי" פארצייכענען באדייטנדיקע רעזולטאטן.

אין 1934 יאר האט אויך געארבעט א באקס סעקציע אונטער דער ליטונג פון בעסטן עסטישן באקס־לערער נ. מאטסאוו. זייענדיק א מיטגליד פון דער עסטישער ספארט־ליגע, איז „מכבי" שטענדיק געשטאנען אין נאענטן קאנטאקט מיט עסטישע ספארט־ארגאניזאציעס און האט פון זייער זייט שטענדיק געפונען א פריינטלעכן אנטקעגנ־קומען, פאר וואס מיר געפינען פאר נייטיק עפנטלעך ארויסצוזאגן אונדזער טיפסטן דאנק. איין צייט האט אונדזער לייכט־אטלעטישע סעקציע געארבעט אויפן פלאץ פון עסטישן ספארט־פאריין „קאלעוו".



אין יאר 1935 איז „מכבי" געווען באפולמעכטיקט פון דער עסטישער ספארט־ליגע צו ארגאניזירן דעם אלעסטישן פינג־פאנג טורניר. דער דאזיקער טורניר איז געווען מיט דערפאלג דורכגעפירט אין זאל פון דער יידישער גימנאזיע.

דורכבלעטערנדיק די טרוקענע פראטאקאלן פון „מכבי" מוז איך באשטעטיקן, אז הינטער זיי שטעקט א ווארימע באציאונג מצד דער יידישער יוגנט אין עסטי לגבי דער אויפבליאונג פון יידישן ספארט. ווי די טעטיקייט פון יעדער ארגאניזאציע, קאן אונדזער טעטיקייט קריטיקירט ווערן. איינס אבער מוזן מיר זאגן, אז מיר האבן במשך פון די גאנצע פופצן יאר טריי געדינט דער אידיי פון „מכבי" — צו שאפן א קרעפטיקן צוקונפטיקן דור, וועלכער זאל קענען זיין דער טרעגער און בויער פון יידישן נאציאנאלן געדאנק.

זאל דער אפגעשלאסענער ארבעטספעריאד טרייבן צו נייע צילן און נייע מעשים לטובת דער יידישער ספארט־באוועגונג אין עסטי!



דוד שאגאל, סעקרעטאר פון מרכז „מכבי“ — עסטי

# אביסל געשיכטע פון טאלינער „מכבי“

קומענדיק קיין טאלין אין 1930 יאר, האב איך פארנומען דעם פאסטן פון סעקרעטאר ביי „מכבי“. האבנ־דיק א געוויסן אינטערעס צו דער ארבעט, האב איך חוץ די לויפנדיקע סעקרעטאר־פליכטן זיך גענומען צו ברענגען אין ארדענונג „מכבי“ס ארכיוו. איצט צום 15־יאריק יובל פון אונדזער ארגאניזאציע האב איך די געלעגנהייט צו פובליקירן פאר דער עפנטלעכקייט אייניקע דאטן פון „מכבי“ס טעטיקייט, וואס איך האב פעסטגעשטעלט איפן סמך פון ארכיוו מאטעריאלן.

די ערשטע ספארט־איבונגען, איינגעארדנט פון „מכבי“ זיינען פארגעקומען אין זאל פון איצטיקן קינא „קינגלא“. אלס אינסטרוקטאר איז איינגעלאדן געווארן א געניטער ספארט־לערער א. גרינבערג. אין 1921 יאר איז אלס אינסטרוקטאר איינגע־לאדן געווארן דער באוווסטער ספארט־לערער וו. אוטעכין, וועלכער האט זיך מיט גרויס מסירת־נפש איבערגעגעבן דער ארבעט. ה׳ אוטעכין אינטערעסירט זיך נאך עד היום מיט „מכבי“, און איז גרייט יעדעס מאל צו קומען מיט אן עצה צו הילף דער ארגאניזאציע. ביי יענעם ווינגעלע ער איז געשטאנען, לויט דער אפשאצונג פון ספארט־לערער וו. אוטעכין האבן אין יענער צייט זיך אויסגעצייכנט אלס גוטע טורנער און גימנאסטן: בעלאסטאצקי, פיינשטיין, סמעלאי. ח. שור, באסין, וואלף, קלאס, גוטע רעזול־טאטן האט דערגרייכט אלס שפרינגער פ״ין, מיט שווער־אטלעטיק האבן זיך פארנומען די ברידער אסנאוויטש, קראניק.

דער ערשטער טורן־פעסט איז איינגעארדנט געווארן דעם 6־טן מאי 1922 יאר, אין וועלכן עס האבן אנטיילגענומען אלע גרופן פון „מכבי“ אין באשטאנד פון 80 ספארטלער. מ׳האט פארגעטראגן פריי־איבונגען, טורן־נומערן, איבונגען מיט שטעקנס, פיראמידן א. ד. גל.

דער איבערפילטער זאל פון „ביאליק“ — פאריין האט מיט באגייסטערונג אויפגענומען דעם ערשטן יידישן ספארט־יום־טוב אין טאלין. אין דעם זעלביקן יאר האט „מכבי“ גענומען אומבייטן דעם טורן־לאקאל און האט צייטווייליק דורכגעפירט די טורן־שעהן אין זאל ביי דער סינאגאגע, וועלכער איז ניט געווען צוגעפאסט פאר ספארט. דעריבער איז מען איינגיכן אריבער אין א נייעם „לאקאל“ אויף נארווא ב. 6, צוליב גרויסן קווארטיר־קריזיס אין יענע יארן. האט „מכבי“ זיך גענייט באגנוגענען מיט א גאראזש. דאס איז געווען דער שווערסטער פעריאד אין דער געשיכטע פון „מכבי“, ווייל זי האט איבערלעבט א שווערן מאטעריעלן קריזיס, מחמת דער גלייכגילטיקייט מצד דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין יענעם יאר. דער געדאנק פונם יידישן ספארט איז נאך ניט געווען איינגעפונדרעוועט ביים יידישן עולם. א דאנק דער עקשנותדיקייט פון די יונגע „מכבי“—אנהענגער איז געלונגען בייצוקומען די מניעות.

מען האט דעם גאראזש געבראכט אין ארדענונג און אין יענער צייט האבן געארבעט אונטער דער לייטונג פון וו. אוטעכין 5 גרופן. אין דעם פעריאד זיינען אין ספארט־באוועגונג אריינגעטראטן דער איצטיקער פארזיצער ל. מארקאוויטש, דער באוווסטער גאלקיפער ה. מייערטאל, דער שפעטערדיקער מאטאציקל־ספארטסמען ס. קלעצקי א. אנד.

דער יאר 1924 רעכנט זיך אלס אן איבערבראך־פעריאד אין דער געשיכטע פון „מכבי“. א דאנק דעם אויפבוי פונם גימנאזיע־בנין האט זיך געשאפן די מעגלעכקייט פאר א נארמאלער ארבעט אין פאסיקן זאל, אלס מקיר פון הבנסה ווערן שוין די טראדיציאנעלע ספארט־יום־טובים אין זאל פון דער יידישער גימנאזיע, אויף וועלכע „מכבי“ האט וועלעך דעמאנסטרירט זיינע דערגרייכונגען אויף פארשיידענע ספארט־געביטן.

אין 1924 יאר ווי עס זאגן עדות די אלטע פראטאקאלן, האט מען געעפנט א רינג־קאמף סעקציע. איבער 30 מענטשן האבן זיך טרענירט אין זאל פון דער יידישער געזעלשאפטלעכער פאריינקונג. זיין ספארט־קאריערע האט דעמאלט אנ־געהייבן דער איצט גוט־באקאנטער מערמאליקער עסטישער רעקארדסמען און טשעמפיאן ר. טייטעלבוים. אלס גוטע רינג־קעמ־פער האבן זיך דעמאלט אויסגעצייכנט קאן, אייזמאן (איצט אין אמעריקע), העכט, י. פערלמאן און אנד.

**PARIMAID HOOAJAUUDISEID!**

LOOMULIKKU-,
KUNSTSIIDI,
VILLAST ja
TRIKOO-RIIDEID,
TRIKOOPESU,
KÕLAPITSI jne.

**Soovitab suures valikus**

**A.-S. «RAUANIIT» Tallinn.**

Sukatööstus

**„COTTON" A/S.**

Tallinn, Pôhja puiestee 7, tel. 432-63

**Suurim spetsiaal sukatööstus Eestis.**
**Elegantse daamisuka „ELIIT" ainuvalmistaja.**

***Kodumaa suurim ja täiuslikum trikookindatööstus***

A.-S.
Kindavabrik «SIMPLEX»

*Tallinn, Prii 3.* *Kõnetraat 448-19.*

SAADUSED MÜÜGIL ÜLE MAA.



**ב. לעפיק**, דיפל. ספארט־לערער.

# אנטוויקלט דעם סקי־ספארט!

ווי עס איז אלעמען באוויסט איז במשך פון די ווינטער חדשים די שענסטע ספארט־פארוויילונג סקי־לויפן, וואס ווירקט גינסטיק אויף דער קערפער־אנטוויקלונג. עס גיט קיין אנדער ספארט־געביט, וואס זאל געבן אזוי פיל נוצן און פרט פון קערפער־אויפבוי, ווי סקי־(לויטעס)־לויפן.

בײַם טרייבן דעם דאזיקן ספארט אנטוויקלען זיך די פיס, הענט, לונגען און הארץ, ווײַל בײַם סקי־לויפן, בויגט איר זיך, שפּרינגט, לויפט און טארמאזירט די באוועגונג. די דאזיקע קערפער־אנטוויקלנדיקע ארבעט קען טאן יעדער סקי־לויפער, אפהענגיק פון זײַן אייגענעם ווילן.

ביז איצט האט בײַ דער ספארט־געזעלשאפט „מכבי" געפעלט די מעגלעכקײַט צו אנטוויקלען דאס סקי־לויפן, ווײַל די פארוואלטונג האט ניט געלייגט דעם געהעריקן אכט אויף דעם יסייגעם ספארט־געביט. פונדעסטוועגן זײַנען מיר באקאנט אייניקע מכביסטן, מיינע שילער, וועלכע האבן זיך מיט ליבע איבערגעבן דעם ווינטער־ספארט און האבן דערגרייכט גוטע רעזולטאטן.

בדי צו אנטוויקלען דעם געזונטן ווינטער־ספארט צווישן דער יידישער באפעלקערונג, וואלט איך פון מײַן זייט פארגעלייגט פאלגנדיקעס: 1) די לייטונג פון „מכבי" זאל מערער פראפאגאנדירן דעם סקי־ספארט, איינארדנענדיק ספּעציעלע פארלעזונגען. 2) ווי מעגלעך אנקויפן סקי־מכשירים, צו דעם צוועק שאפן א ספּעציעלן פאנד. 3) ארגאניזירן א ספּעציעלע סקי־סעקציע אונטער דער לייטונג פון א געניטן אינסטרוקטאר.

איך האף, אז מיינע ווינטשן וועלן זײַן אננעמבאר פאר דער יידישער געזעלשאפט און אז מען וועט אנהייבן צו אנטוויקלען דעם קערפער דורך דעם סקי־ספארט, באווייזנדיק די זעלביקע פארטשריטן, וועלכע מען האט געוויזן אויף אנדערע ספארט־געביטן.



ב. לעפיק און עטמא יאקאבסאן (איצט אין ארץ־ישראל).





# א גרוס פון ניו־יארק!

## טייערע פריינט!

מיט גרויס פרייד האב איך באקומען אייער איינלאדונג. איך קען פשוט ניט אין ווערטער אויסדריקן מיין הנאה, וואס איר האט מיר פארשאפט מיטיילנדיק, אז דער טאלינער יידישער ספארט-פאריין „מכבי" פייערט זיין 15-יאריקן יובילייאום. איך וועל תמיד געדענקען די שוועריקייטן, וועלכע מיר האבן אויסגעשטאנען בעת דער גרינדונג פון אונזער ספארט-געזעלשאפט.

די „מכבי" — טראדיציעס האב איך אריבערגעפירט אין מיין נייער היים. ביי דער געלעגנהייט שיק איך אייך, טייערע חברים, א פאטאגראפיע פון מיין זון, וועמען איך דערצי אין גייסט פון יידישן כפארט.

צו אייער יובל ווינטש איך אייך פון דער ווייטן א סך גליק און מוט אין אייער ווייטערדיקער ארבעט.

מיט „מכבי"—גרוס

**מארקוס אייזמאן.**

איינער פון די ערשטע מיטגלידער און מיטארבעטער פון טאלינער „מכבי"



H. GUTKIN
INGLIS MAGASIN
TALLINN, VIRU 4
POSTKAST 272 · TEL. 436-46

soovitab odavate hindadega suurimas valikus

**kodu- ja välismaa riidekaupu**

igasuguses headuses ja erimustreis

O./ü.

# „ESTO“

Tallinn

**Pikk 47. Telefon 444-22**

**Kõik**

**sporditarbed**

täielikus valikus
soodsate hindadega

# Kohvik „ASKO“

Viru 13. Tel. 461-64, 467-62.

***Tellige kohvi koju!***
Telefonil **461-64**.
Hinnad harilikud.

**Igasuguste pagari-ja kondiitrisaaduste tellimiste vastuvõtmine ja koju saatmine.**

TRÜKIKODA

# „LIBRIS“

Om. DAVID BEILINSON
ja H. PAKKIN

Tallinn Dunkri 4. Tel. 463-70





## ווערט אלע „מכבי" מיטגלידער!!!

אונזערע ספארטיסטן פארנעמען זיך מיט אלע מינים פון ספארט:

מען באשעפטיקט זיך מיט סקי און גליטשלויפן, וועלאָספארט, שווימען, טעניס, מאטאציקל־ספארט א. א. וו.

אין דער ארבעט פון „מכבי" איז ניט פאראן קיין הפסקה ניט ווינטער און ניט אין זומער.

אלע אלטערן זיינען פארטראטן אין „מכבי".









O.-Ü.

**Tallinna aurupesumaja**

**Keemiline puhastus**

**Narva mnt. 19, tel. 08-91.**

OSAKONNAD:

Müürivahe 21, tel. 445-55
Tehnika 1
V. Kalamaja 2
Narva mnt. 39

**K.-M. „TEMPO“**

VANA VIRU 5.

TELEFON 471-13.

**MÜÜB:**

tapeete suures valikus.

Kirjutus ja kontori tarbed.

Igasuguseid pappe.

Inglise Kaleviäri

**Hermann Friedmann**

Tallinn, Viru t. 23. Tel 447-38.

KOHVIK-RESTORAN

„MARCELLE“

Tants. Muusika. Kabaré

IGA PÄEV.

Tel. 428-00.

**Õmbiusniit „GLADIATOR“**

Kingakreem
poonimisvaha
metallipuhastusaine **„KROON“**
veesaapamääre

ברענהאלץ און
טארף־לאגער

**„KÜTTEJÕUD“**

Imanta 33. tel. 465-03
S. Juhkentali 11. tel. 457-30

אינהאבער: מ· טורעצקי און ש· ציפיקאוו

ווילן איך באזארגן מיט האלץ
און טארף צו יעדער צייט צו
גינסטיקע פרייזן מיט א גוטער מאס.

# מכבי – קאנגרעס 1930 י.




אין 1930 יאר איז פארגעקומען דער קאנגרעס פון „מכבי"—פאריינען אין עסטי. דער קאנגרעס איז אפגעהאלטן געווארן אין דעם לאקאל פון קארפאראציע „חשמונאי".

פארטראטן זיינען געווען דעלעגאטן פון **טאלין** און **טארטו**. ס'זיינען באהאנדלט געווארן פאר־שיידענע ארגאניזאציאנעלע פראגן, ווי אויך די פראגע וועגן אויפהויבן דעם ספארטלעכן ניווא צווישן דער יידישער יוגנט. גרויס אכט איז געלייגט געווארן אויף די מעטאדן פון אנטוויקלען פיזישע קולטור צווישן דער יידישער באפעלקערונג. דער קאנגרעס האט געגעבן א שטויס נאך מיט א גרעסערע ענערגיע צו אנטוויקלען די ספארט־טעטיקייט פון „מכבי" אין עסטי.



ד״ר ר. יאקאבסאן

# 15 יאר „מכבי“

ביז צום יאר 1920 איז אין עסטי בכלל נישט געווען קיין יידישע ספארט־באוועגונג.

ערשט דען ווען אין די יארן 1917־18 איז דורך דער יידישער וועלט דורכגעגאנגען די פארשטארקטע אידיי צו גרינדן אין פאלעסטינע א נאציאנאלן היים, האבן זיך אנגעהויבן צו גרינדן יידישע ספארט-ארגאניזאציעס אונטער דער בלוי־ווייסער פאן.

דער נאמען „מכבי“ איז אויך ניט קיין צופעליקער. דער נאמען טראגט אין זיך דעם כבוד, שטאלץ און גבורה פונם יידישן פאלק.

וואס איז שייך מיין פערזענלעכער באטייליקונג אין דער לייטונג פון טאלינער „מכבי“ במשך פון 9 יאר, מוז איך זאגן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם שטענדיקן שווערן קאמף פאר זיין עקסיסטענץ, איז אויפגעטאן געווארן א דערפאלגרייכע ארבעט, וואס האט געמאכט „מכבי“ פאפולער צווישן אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג אין עסטי.

ניט האבנדיק במעט קיין אונטערשטיצונג פון וויכטיקע יידישע אינסטיטוציעס, האט דער מכבי־געזעלשאפט פארט געלונגען צו אנטוויקלען ספארט צווישן דער יידישער יוגנט און צו פארנעמען א בכבודיקן ארט אין דער עסטישער ספארט־באוועגונג.

איבערנעמענדיק אין 1928 די לייטונג פון „מכבי“, האבן מיר געמוזט קודם כל שאפן פאר דער געזעלשאפט ספארט־מכשירים, און וועלכע ס׳איז געווען א גרויסער דוחק. רעגעלמעסיקע ספארט־איבונגען האבן מיר אנגעהויבן אין זאל פון „ביאליק־פאריין אונטער דער לייטונג פון ספארט־אינסטרוקטאר י. דאברושקעס.

אונטער שווערע באדינגונגען האבן מיר באריייכערט אונדזער ספארט־אינווענטאר. אחוץ טורן־שטונדען פאר קינדער, יוגנט־לעכע האבן מיר ארגאניזירט קורסן פאר עלטערע מענער און פרויען.

מיר האבן ארגאניזירט פארשיידענע סעקציעס: לייכטאטלעטיק, פוטבאל, באקס, רינגקאמף, קארב־באל א. ד. גל.

דער טאלינער „מכבי“ איז שטענדיק געשטאנען אין קאנטאקט מיט פארשיידענע ספארט־ארגאניזאציעס אין לאנד און אויס־לנאר. „מכבי“ האט איינגעלאדן יידישע ספארט־מאנשאפטן פון פינלאנד, לעטלאנד, ליטע, ווי אויך דעם ווינער „הכוח“ און דורכגע־פירט מיט זיי פארשיידנארטיקע פארמעסטונגען.

פון די טאלינער מכביסטן איז אונדז געלונגען אויסצובילדן א ריי גוטע ספארטיסטן ווי ס. און ר. טייטעלבוים, מייערטאל, שעער א. אנד., וועלכע האבן פארשאפט דעם עסטישן יידנטום פרייד און כבוד.

דאס אינערע לעבן פון „מכבי“ איז ניט תמיד געווען ראויק. עס האבן געבלאזט פארשיידענע ווינטן. מען האט אפילו געוואלט שאפן א נייעם ספארט־פאריין, אייף א גליקלעכן אופן איז עס געלונגען אלע יידישע ספארטיסטן צו פאראייניקן אין איין גרויסע ארגאניסאציע, וואס איז פריי פון פאליטישער באפארבונג.

בײַ דער געלעגנהייט מוז איך באטאנען, אז מיר איז געבליבן א גוטע ערינערונג וועגן די גוטע און לאיאלע באציונג צו אונדז מצד די עסטישע ספארט־ארגאניזאציעס און אינסטרוקטארן, וואס האט מיטגעהאלפן „מכבי״ס אנטוויקלונג.

צום 15־יאריקן יובל ווינטש איך „מכבי“ א גליקלעכע און ליכטיקע צוקונפט, דער פארוואלטונג א וויטערטיקע דער־לגרייכע טעטיקייט.



**ש. גורין**. דירעקטאר פון דער יידישער גרונטשול און גימנאזיע.

# די שול און „מכבי“

ניט איין ארגאניזאציע שטייט ניט אזוי נאענט צו דער יידישער שול, ווי „מכבי“.
אין דער איפגאבע פון דער שול גייט אריין די פיזישע, גייסטיקע און מאראלישע דערציונג פונם קינד. די יידישע שול קאן ניט אפגעבן אזוי פיל איפמערקזאמקייט דער פיזישער דערציונג. אין דעם פרט קומט איר צו הילף „מכבי“.

די נאָכמיטיקדיקע גרופן-איבונגען, ארגאניזירטע פון „מכבי“ דערגאנצן די גימנאסטיק-שעהן אין דער שול.
ניט אומזיסט זיינען די מערהייט פון די שילער מיטגלידער פון „מכבי“. וואס גיט די מעגלעכקייט צו באפרייקן דעם דראַנג נאך פיזישער אנטוויקלונג, וועלכע האט געפעלט ביי אסך דורות פונם יידישן פאלק מחמת ספעציפישע היסטארישע באדינגונגען.

„מכבי“ איז תמיד געווען אין קאנטאקט מיט דער יידישער שול.

די פארוואלטונג פון „מכבי“, צוהערנדיק זיך צו די מיינונגען פון פעדאגאגישן ראט וועגן שילער, האט ניט אנגענומען אלס מיטגלידער שילער מיט שלעכטער איפפירונג און שוואכע פעולות. דערמיט האט זי דערמעגלעכט די פארשטארקונג פון דיסציפלין.

„מכבי“ איז שטענדיק געקומען צו הילף דער שול. איך רייד שוין ניט וועגן דער דירעקטער הילף—אנשאפונג פון לערן-מכשירים, איינארדנונג פון דוש, נאר איף אלע אוונטן, יום-טובים און אונטערנעמונגען לטובת דער שול האט „מכבי“ זיך אקטיוו באטייליקט.

דעריבער איז דער „מכבי“-יובל א יום-טוב פאר אונזערע קינדער, א דאטע אין דער געשיכטע פון אונזער שול.

אין נאמען פון דער שול ווינטש איך „מכבי“ א ווייטערדיקע דערפאלגרייכע טעטיקייט לטובת דעם יונגן דור.
איך ווינטש, אז דער קאנטאקט פון דער שול מיט „מכבי“ זאל ווערן נאך נאענטער, איך ווינטש, אז „מכבי“ זאל איף א ברייטן וועג דערגיין צום 25-יאריקן יובל.



ערשטע עסטנישע
דארם־שליימעריי

נ׳ גאלשטיין

Fotograafia
PARIKAS

TALLINN,
Kuninga 1.

H. Markovitsch
Viru 15.

Kuld-, hõbe- ja kristall-
asjade äri

Schokolaadi ja biskviidi
vabrik

GINOVKER & Ko. A/S.
TALLINN
S. TARTU MNT. 23



געשיר
איז גרויסן אויסוואל

א.־ג. ד. מירוויץ און זין
טאליז טארטו

TRÜKIKODA
B. BEILINSON
Tallinn, S. Tartu 34
TELEFON 304 57.



# עקסקורסיע קייז ריגע

שבועות 1933 איז לויט דער איניציאטיוו פון טאלינער „מכבי" ארגאניזירט געווארן אן עקסקורסיע קיין ריגע אין וועלכער ס׳האבן אויך אנטיילגענומען ניט מיטגלידער.

פריינטלעך האט די טאלינער געסט עמפאנגען דער ריגער „מכבי".

אויפן צווייטן טאג נאכן אנקומען זיינען איינגעארדנט געווארן **לייכט־אטלעטישע פארמעסטונגען.** חוץ טאלינער מכביסטן האבן אין די פארמעסטונגען אנטיילגענומען מכביסטן פון ריגע, ווינדאווע, אייניגע ספארטלער פון בערלינער „בר־כוכבא".

אין לויפן, וויט, הויך־שפרינגען, דיסק־ווארפן האבן כמעט אלע ערשטע און צווייטע ערטער פארנומען טאלינער מכביסטן.

באזונדערס האבן זיך אויסגעצייכנט **סארא טייטעלבוים** און **יעקב רובאנאוויטש.** ס׳איז אויך געווען איינגעארדנט אן עסטאפעטן־לויף.

אין די רוימען פון ריגער „מכבי" איז פארגעקומען א באנקעט לכבוד דעם טאלינער „מכבי". דער באזוך האט דערנענטערט צווישן זיך די יידישע יוגנט פון עסטי און לעטלאנד.

**V. Levinovitsch** Zdoko-Gdoilo esimees.



Muistsel ajal kujunenud ja tunnustatud hüüdsõna: „**Terves kehas terve vaim**“ ehib uhkelt Tallinna „Makkabi“ lippu. Vana klassikalise spordi vaim, mis karastab ja tugevdab keha, mis äratab rahvuslikku uhkust ja kasvatab rüütlikkust, ärkab, tänu „Makkabi“ tegevusele, meie noorsoos uuele elule. Kes on jälginud „Makkabi“ tööd, see teab, et seltsi juhatus, oma eriülesannete kõrval, on alati leidnud aega ja võimalust aidata teisi. **Zdoko Gdoilo,** millele „Makkabi“ hinnatavaid teeneid on osutanud, tõstab eriti esile seda abivalmit suhtumist teistesse.

„Makkabi“ tänasel juubelipäeval esitan ka mina oma õnnitluse ja soovin seltsile au- ja edurikast püsimist meie noorsoo hüveks ja meie rahva uhkuseks.

די אין אלטערטום אויסגעקריצטע ווערטער: „א געזונטע נשמה אין א געזונטן גוף“ באצירן שטאלץ די פאן פון טאלינער „מכבי“.

דער גייסט פונם אלטן קלאסישן ספארט, וואס קרעפטיקט דעם קערפער, וועקט אויף דעם נאציאנאלן שטאלץ און דערציט ריטערלעכקייט, לעבט אויף פונדאסניי, אדאנק דער טעטיקייט פון „מכבי“ צווישן אונדזער יוגנט.

דער, ווער עס האט נאכגעפאלגט נאך דער טעטיקייט פון „מכבי“ ווייס, אז די פארוואלטונג פון דער געזעלשאפט האט חוץ אירע ספעציעלע אויפגאבן תמיד געפונען צייט צו העלפן דעם נאענטן.

די „צדקה־גדולה“, וועמען „מכבי“ האט געבראכט וויכטיקע הילף, שאצט באזונדערס אפ דיזאזיקע הילף־גרייטקייט.

ביים היינטיקן יובל פון „מכבי“, ברענג איך אויך מיינע גראטולאציעס און ווינטש דער געזעלשאפט א בכבודיקע עקזיסטענץ לטובת אונדזער יוגנט און צום שטאלץ פון אונדזער נאציע.




Nahavabrik
*Tartus*
Kaluri 45. Tel. 1-22

Petseri ladu
*Kauba rida, 17*
Tel. 1-23.

Tallinna ladu
*Veneturg, 3.*
Tel. 304-49.



**אברהם רוקשין** ספארטלייטער פון מכבי-ליעפאיא.

# א גרוס פון ליעפאיא (לעטלאנד)

## חשובע חברים! שמחתכם—שמחתנו!

מיט אייך אינאיינעם פייערן מיר היינט דעם גרויסן יום-טוב פון אייער 15 יאריקן יובל, וועלכער איז דער בעסטער אטעסטאט פאר אייערע דערגרייכונגען. קעמפט ווייטער! מיר טארן זיך ניט וואקלען און פחד האבן, אונדזער אויפגאבע איז צו העלפן דערציען שטארקע און אמתע יידן. מיר מוזן שאפן א הארמאנישן מענטשן, מחמת מיר ווילן שאפן א נייען לעבנסטיל, מחמת מיר ווילן אויסראטן די סימנים פון דעגענעראציע.

און ווי פיין און איידעל איז געווען דער אָלימפּישער געדאנק, מיט אן ערך 35 יאר צוריק, ווען איר שעפער באראן הובערטאן האט אויפגעהויבן די פאן פון פיזישער אויפלעבונג! עס האט זיך געדאכט, אז דורך די נייע לאָזונגען ווערט געשאפן א נייע תקופה, אז דורך דעם ספּאָרט ווערט אויסגעבילדעט א נייע מענטשהייט. מען האט געמיינט, אז די ציימן, ווען דער מענטש האט זיך מיט פאראכטונג באצייגען צו זיין אייגענעם גוף, געהערט שוין צו דער פארגאנגענהייט. מען האט געגלייבט, אז די הארמאָניע, וואס ווערט געשאפן צווישן זיין נשמה און זיין געזונטען קערפער וועט אויסבילדען א נייעם מין „קולטורמענטש", וועלכער זאל שטיין אָף דער העכסטער אינטעלעקטועלער מדרגה. אבער לאמיר זיך מודה זיין אפן, נישט קוקנדיק, וואס די וועלט האט אין דער קורצער צייט זיגרייך אָקופּירט דעם ספּאָרט. זיינען וויט די גרונט-אידעען פון דעם אמתן ספּאָרט ניט פארווירקלעכט געוואָרן. אָנשטאט וואס די קערפער-אנטוויקלונג מוז שטיין בא דער גאנצער מענטשהייט אויפן ערשטען אָרט, זעען מיר דערפון דעם היפוך, געווינען פאר יעדן פרייז! — איז איצט דער לאָזונג פון מאמענט אין ספּאָרט. און אויב מען פילט זיך אויפן ספּאָרט-פעלד נישט שטארק גענוג, הויבט מען אן צו געברויכן מעטאָדן, וועלכע האבן ווייט נישט מיטן ספּאָרט קיין געמיינזאמס. אייך מיר יידן האבן זיך פון דעם דאזיקן מין „ספּאָרט" אסך אנגעאיינגעט. דעריבער, ליבע חברים און מכבים פון דער גאנצע וועלט, לאמיר זיך נעמען צו דעם ספּאָרט, וואס אנטהאלט אין זיך די דריי עלעמענטארע נויטווענדיקייטן, ערשטנס — קערפּעראנטוויקלונג אויף אלע הונדערט פּראָצענט, צווייטנס—שטארקע גייסטיקע טיטיירקונג, דריטנס—א געוויסע מאָס דרייסטקייט. דאס איז מיט אנדערע ווערטער דאס רעגולערע טורנען, שווימען, לייכטאטלעטיק א. א. וו., אט די מינים פון ספּאָרט, וועלכע האבן שוין עקסיסטירט אין דעם קלאסישן גריכלאנד, וועלן בלייבן בא דער ציוויליזירטער מענטשהייט אויף דורות.

מיר יידישע ספּארטלער פון דער גאנצער וועלט באדארפן אויך המר באהאלטן אין זינען, אז מיר טראגן א גרויסע פאראנטוואָרטונג לנבי דעם יידישן פאלק. מיר מוזן שטרעבן צו דערוועקן אין דער יידישער יוגנט אפטימיזם און ארבעטסלוסט. מיר מוזן שטארקן די האפענונגען און אונדזער גלויבן אין א בעסערער צוקונפט.

מיר ווינטשן, אז דער אפגעשלאסענער ארבעט-פּעריאָד זאל טרייבן צו נייע צילן, צו א ווייטערער פּראָדוקטיווער ארבעט און צו דערפאלגרייכע דערגרייכונגען.

אין דעם זין באגריס איך היינט, אין נאמען פון מכבי-ליעפאיא, אונדזערע חברים בעל-יובלים מיטן אלטן יידישן

**חזק ואמץ!**



*Ju selginemas jälle taevakaar,*
*ilm kaunipalgelise võtnud kuju,*
*ees silmapiiril riidevärvid* **„Star"**
*nüüd tõstvad üles iga naise tuju.*

*Üks päiksekiir on taevast tulnud maha —*
*see rõõmu iga tööka naise maija toob,*
*kui istub naine kangaspuude taha*
*ja virgil sõrmil kauni kanga koob.*

*On valmis töö, nii imekaunis ese,*
*ja rõõmus paisub tööka naise rind,*
*miks salata, et värvirikkus, sulavus on ise*
*siin* **„Star'i"** *riidevärvi kvaliteedi hind.*

*Meil* **„Star'i"** *värvid kõikjal kõrgelt kroonit,*
*hea kuulsus nendest loidab üle riigi,*
*ja vallutand au ja kuulsustroonid*
*ta murdnud iga konkurentsi piigi.*

TIMBER EXPORTERS

«B. MINKOV & POJAD» LTD

TALLINN (ESTONIA)

אדוו׳ ב׳ לעווין



# 15 יאר אונטערן «מכבי»־פאן׳

דער אייביקער אמת, וואס האט זיך אנטפלעקט אין אלטן רוימישן אפאריזם "mens sana in corpore sano", באקומט ביי אונדז ייִדן, א באזונדערן, א מער טיפערן באטייט.

פאר אונדז איז עס ניט נאר א שטרעבונג צו דער ביצעפסן־אנטוויקלונג, ניט נאר א נערקולעס־קולט, א קולט פון איזערנעם, פיזישן כח — פאר אונדז איז די אנטוויקלונג פון ייִדישן ספארט צוגלייך א שריט פאראויס אין דער אנטוויקלונג פונם ייִדישן נאציאנאלן באוויסטזיין.

די צוקונפט פון ייִדישן ספארט, שטעלן מיר זיך פאר, ניט ווי א ווילדער גייאג נאך רעקארדן, ניט אין די "וואקבאנאליטעט" פון מוסקול־קראפט, וואס נעמט אן קראנקהאפטע פארמען, נייערט אין דער שטרענג־פלאנמעסיקער, גארמאנישער גימנאסטיק.

דער עקסיסטירנדיקער במשך פון דורות קולט פון בוך האט איבערגעבאפט דעם מאס און האט אויסגעטריקנט דעם גוף אין די מוסקולן איפן חשבון פון צופיל־אנטוויקלטן און ביינעוודיקן שכל.

ס׳איז דערשינען דער אומברחמנותדיקער אספעקטיס, דער אפוזג פון א פולבלוטיקן לעבן, וואס איז אזוי מאלערעפול באשריבן געווארן אין איינע פון ח. נ. ביאליקס פאעמעס, אין דעם איז אויך געווען די איינזייטיקייט פון ייִדישן לעבנשטייגער.

ניט צופעליק האט זיך אנטוויקלט דער ייִדישער ספארט אונטערן „מכבי“־פאן. די פאן טרעפט זיך אין דער ייִדישער געשיכטע ניט צום ערשטן מאל. אמאל, אין גרויען אלטערטום, האבן זיך אונטער דער ראויקער פאן צוזאמענגעקליבן די עלע־מענטן פונם ייִדנטום, וועלכע זיינען גרייט געווען מקריב צו זיין פארן פאלק אלין דאס בעסטע, וואס זיי האבן פארמאגט—זייערע שטאלצע קעפ און גלארדייכן לעבן.

די מכבים, ניינענדיק און איוואנגארד פון פאלק, האבן געקעמפט דעם וועג פאר דער נאציאנאלער איפלעבונג. און די טויזנטע ייִדישע ספארטיסטן, וועלכע האבן זיך פאראייניקט אין „מכבי“, האבן געשטעלט א מער באשיידענעם, הגם ניט ווייניקער בכבודיקן ציל — צו שאפן א פיזיש־געזונטן און שטארקן ייִדנטום.

באהאלטנדיק אין זכרון דעם אייבן־דערמאנטן רוימישן אפאריזם, טאר מען אבער ניט פארגעסן אויך אן אנדער פראזע, געזאגטע פון א רוימישן פילאסאף:

„די באזיגטע האבן געגעבן די זיגער דעם געזעץ“ — „wicti wictoribus legem dederunt“

דאס איז געזאגט געווארן בנוגע די ייִדן, וועלכע זיינען באזיגט געווארן דורך די איזערנע, רוימישע לעגיאנעס און דאבן פון זייער זייט „אנגעשטעקט“ די זיגער מיטן גייסט און קראפט פונם געזעץ.

דאס איז די אנערקענונג פונם קאלאסאלן מאראלישן כח וואס עס טראגט אין זיך דאס ייִדנטום, איבערגעבנדיק אים פון דור צו דור.

אט פארוואס, דוכט זיך מיר, אז נאר אין א גארמאנישע אנטוויקלונג פונם גוף און נשמה ליגט דער כוח און די צוקונפט פון דער ייִדישער נאציע.

דער „עם הספר“ דארף ניט זוכן די ישועה אינם אויעקגיין פון בוך, און אויעקגיין פון גייסטיקע שטרעבונגען, להיפך: דאס טויזנטיאריקע בוך דארף אויפגעהויבן ווערן פון א געזונטער, קרעפטיקער ייִדישער האנט.

אין דעם ראויקן סינטעז פונם מוסקול און בוך ליגט די לעבנספעאיקייט און כוח פון דער ייִדישער נאציע.





ש. טאמארקין, פארזיצער פון „ביאליק״ — פאריין

# די מיסיע פון „מכבי״ און זייו אויפטו.

אין דער יידישער געשיכטע פון דער נייסטער צייט זיינען פארגעקומען גרויסע באוועגונגען און זייער ערנסטע פראצעסן, וועלכע האבן אויפגעשטעלט אויפן סדר היום פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט א גאנצע ריי וויכטיקע פראבלעמען.

הגם די פראבלעמען זיינען געווען פארשיידן לויט זייער מהות און באדייטונג, האבן זיי געהאט איין בשותפותדיקן ציוועק — די געזונטמאכונג פונם יידישן פאלקס־ארגאניזם.

די געזונטמאכונג פון יידישן פאלקס־ארגאניזם האט געפאדערט א ראדיקאלע ענדערונג פון די אלטע יידישע לעבנס־פארמען און א גרונטלעכן איבערבויען דאס יידישע לעבן אויף נייע יסודות.

די דאזיקע קאלאסאלע אויפגאבן האבן ארויסגערוקט א גאנצע ריי „פראנטן״; עס האבן זיך אויסגעטיילט פארשיידענע געביטן פון אויפבוי און איבערבוי. און אויף פארשיידענע וועגן און ריכטונגען האט זיך פונאנדערגעגאסן די ענערגיע פון די ווירקנדיקע יידישע כחות.

אלס אן ארגאנישער טייל פונם הויפט־פראבלעם — די פולע געזונטמאכונג פון יידישן פאלק — מוז בלי ספק אנערקענט ווערן אויך די פיזישע געזונטמאכונג פונם יידישן קערפער.

אויף דער ארענע פון דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט האט זיך די דאזיקע פראבלעם באוויזן א ביסל שפעטער פאר די פראבלעמען פון נאציאנאל־פאליטישן, סאציאל־עקאנאמישן און קולטורעלן כאראקטער און כראנאלאגיש איז די פראבלעם פון אויפהויבן דעם געזונטהייט־ניוואו פונם איינצלנעם יידן — יינגער פאר די אנדערע פראבלעמען, אבער דאס פארמינערט נית בשום אופן די חשיבות און די באדייטונג אירע. ווען די אויפגאבע פון געזונטמאכן דעם יידישן גוף איז אין תוך א דירעקטער פועל־יוצא פון דעם גאנצן קאמפלעקס יידישע פראבלעמען.

די אלע פראנטן און טעטיקייטס־געביטן האבן געהאט פיאנערן, קעמפער, וועלכע האבן גענומען אויף זיך די שליחות דורכשלאגן א וועג פאר דער אידייע פון אויפבוי־ארבעט.

ארגאניזירן די ברייטע יידישע עפנטלעכקייט פאר דער אידייע פון יידישן געזונטהייט־שוץ איז געוואָרן די מיסיע פון דער געזעלשאפט „מכבי״, דער אני מאמין פון דער יידישער יוגנט און מען מוז צוגעבן, אז די דאזיקע מיסיע פון „מכבי״ איז געווען זייער א שווערע און האט געפאדערט א גרויסע פיאנערן־ארבעט.

עס איז א באקאנטער כלל, אז קלארע און פשוטע אמתן ווערן אפט שווער אויפגענומען פון דער מאסע; און אויך דעם פשוטן אמת, אז א געזונטער גוף איז בעסער פאר א שוואכן, האט מען געמוזט שטארק איינקנעלן מיט יעדן יידישן מאמע־מאמע.

עס האט זיך געפאדערט צו מאכן א גאנצע רעוואָלוציע אין דער פסיכאָלאָגישער איינשטעלונג פון דעם יידן צו אזא „גשמיקן״ ענין ווי דער גוף.

אין משך פון דורות האט ביי דעם יידן דער גייסט געהאט די אייבער־האנט איבער דעם גוף, דער מוח האט געהאט די העגעמאָניע איבער דעם קערפער, עס האט געפעלט די הארמאָניע צווישן רוח און חומר. זארגן פאר די שיינקייט פון גוף, פאר די קראפט פון די מוסקולן איז געווען אן ענין פאר גוים; יידן האבן דאס באטראכט פאר א נארישקייט און א מאל אפילו פאר אן עבירה, פאר א שפיצל פונם יצר־הרע.

קעגן אט דער „ירושה פון דורות״ איז דער „מכבי״ ארויסגעטראטן מיט זיין לאזונג: „אין א געזונטן גוף א געזונטע נשמה״

מען האט געמוזט צוגרייטן די יידישע עפנטלעכקייט פאר דער אידייע פון אריינציען די יידישע יוגנט אין דער ספארט־באוועגונג.

די דאזיקע שליחות האט דער „מכבי״ גלענצנד דורכגעפירט. דער וועג פאר א יידישער ספארט־באוועגונג איז שוין א דורכגעטראטענער, און דער טאלינגער „מכבי״ קען מיט פולער באפרידיקונג צוריק־קוקן אויף דעם דורכגעגאנגענעם וועג.

היינט־צו־טאג האט דער „מכבי״ אויף זיין צד די אָנערקענונג פון דער יידישער עפנטלעכקייט, דעם דאנק פון דער יידישער עלטערנשאפט, די צוגעבונדקייט פון דעם יונגן יידישן דור, וועלכער האט א דאנק דעם „מכבי״, צוריקבאקומען די לעבנס־פרייד פון דעם געזונטן, מונטערן גוף, פון דעם גראדן חוט־השדרה.

עס ווילט זיך ווינטשן דעם „מכבי״ ער זאל תמיד בלייבן טריי זיין וויכטיקער מיסיע, זיינע אויפגאבן און פרינציפן; דאמאלסט קען ער זיין זיכער, אז ער וועט שטענדיק האבן די אונטערשטיצונג און די וואַרימסטע ברכות פון דער גאנצער יידישער געזעלשאפט.







לארד מעלטשעט

**Lord Melchett**

ערן־פרעזידענט
פון
וועלטפארבאנד
„מכבי"



די צווייטע

מכביה

אין

# תל־אביב

**1935**







**א. מעללער** — קלייפעדא (ליטע)

# דער ברודער־ווונטש!

ווער וואלט זיך מיט 25 יאר צוריק געקענט פארשטעלן, אז דער ספארט וועט פארנעמען ביי יידן אזא בכבודיקן ארט, ווי איצט

דורך דער „מכבי" — באוועגונג ווערן געוועקט די שלומערנדיקע כוחות פון דער יידישער יוגנט. אינספירירט דורך נאציאנאלע האפענונגען און פערספעקטיוון, אנטשטייען אומעטום, ווו ס'שלאגט א פולס פון דער יידישער רענעסאנס־באוועגונג, יידישע ספארט־ארגאניזאציעס — דער „מכבי".

דער קליינער יידישער קיבוץ אין עסטי מארשירט צוזאמען מיט אלע נאציאנאלע יידישע קיבוצים אין דער גארער וועלט.

ס'איז מיר ניט באקאנט קיין איין אונטערנעמונג פון נאציאנאלער אדער קולטורעלער ווערט, וואס איז ניט רעפרעזענטירט ביים עסטנישן יידישן ישוב. די לייסטונגען איבערשטייגן שטענדיק דעם פראפארץ פון יידישע ישובים אין אנדערע לענדער. ס'איז דעריבער קיין וווּנדער ניט, אז אויך די „מכבי" — באוועגונג האט געפונען דעם ווארעמסן אפקלאנג ביים עסטישן יידנטום און דער בעסטער באוויז איז דער איצטיקער יובליי, וועלכן עס פייערט דער „מכבי" אין טאלין.

מיר, וועלכע שטייען ביי דער אקטיווער ארבעט לטובת אונדזער נאציאנאלער ספארט־באוועגונג, ווייסן וויפיל ענערגיע און אנשטרענגונגען ס'קומט אויס צו פארברויכן, כדי צו דערציען און דערהאלטן אן ארגאניזאציע ביז צו א 15־יאריקי יובל—אלטער.

אן אויסנאם אויף דעם געביט איז מסתמא „מכבי"—טאלין אויך ניט געווען.

א סך דערנער און מניעות האט איר, חברים, געמוזט באזייטיקן, כדי צו ברענגען אייער „מכבי" צו זיין איצטיקן מצב. מיר זיינען אבער איבערצייגט, אז אייערע אנשטרענגונגען וועלן שטענדיק האבן די געהעריקע אנערקענונג. בעת אייער יובל־פייערונג זאל אויך ביי אייך, ברידער און שוועסטער פון טאללינער „מכבי", קלינגען דער גרוס צו אייך פון אייערע חברים פון „**בר כוכבא, קלייפעדא**":

„קדימה, חברים, פארווערטס אין אייער ארבעט לטובת אונדזער אידעאל!"



**יוסף אוזוואנסקי** פארויצער פון מרכז „מכבי״ אין עסטי.

# די צווייטע «מכביה» איז תּל־אביב

גרויס, רייך, אימפּאזאנט! גרויס אין צאל פון אנטיילנעמער, רייך אין צאל פון צושויער, אימפּאזאנט אין די איינדרוקן פון „מכביה״.

א יום-טוב ניט נאר פאר מכבים, נאר פאר דעם גאנצן ידישן ישוב אין ארץ ישראל און פאר דער גארער ידישער וועלט.

ווער עס האט ביינעוווינט די צווייטע „מכביה״ אין תל-אביב, דעם וועט אייביק פאר די אויגן שטיין דאס שיינע גרויסע בילד. טויזנטע בראווע, געזונטע ספּארטלער אויפן סטאדיאן, שטאלץ קאנען מיר זיין צו האבן אזא יונגט מיט א גראדן רוקן, מיט א פרייליכן פּנים, מיט שטארקע מוסקלען, און ארמיי, מיט א קורצע צייט צוריק, קליין אין צאל און נידערשלאגענע גלות יונגט, און איצט, אראפּשלײדערנדיק דעם גלות-יאך, מארשירן זיי גרויס אין צאל צוזאמען מיטן גרעסטן טייל פון ידישן פאלק, וועלכער גייט אין די וועגן פון אונזער גרויסן נאציאנאלן פירער ד״ר טעאדאר הערצל ז״ל.

דאס איז דער אוואנגארד פון אונזער פאלק, זיי זיינען דאס שטארקסטע רינגל אין דער גרויסער קייט פון ידישן פאלק, וועלכע שפּילט שוין איצט א גרויסע ראלע אין רענעסאנס פון ידישן פאלק.

דער לאָזונג פון „מכבי״ מוז זיין דאס נאפּאלעאנס ווארט פון הערצל: „פון ידישע יונגן מאכן יונגע ידן.״

די צווייטע „מכביה״ האט אונדז באוויזן א קאלאסאל גרויסע ארבעט פונם ידישן ספּאָרטלער בפרט און פון וועלט-פאר-באנד בכלל.

די צווייטע „מכביה״ האט אונדז אבער אויך באוויזן די ניט נאר גרויסע לייסטונגען אויפן ספּאָרטלעכן געביט, די רעזולטאטן זיינען געווען ניט נאר קיין גינסטיקע פארן ספּאָרט, דעם שולד טראגן מיר מכבים גופא און א גרויסן חלק אויך דער וועלט פארבאנד. צו אָפט אָרדנט אין דער וועלט-פארבאנד פארשיידענע ספּארטלעכע פארמעסטונגען און גרויסע מאסשטאבן, אונדזערע מכבים בלייבן צו קורץ מיט דער צייט, כדי זיך ווי געהעריק צו טרענירן און צוגרייטן זיך צו די פאר-מעסטונגען.

דער וועלטפארבאנד מוז די צו אָפטע גרויסע פארמעסטונגען אפּשאפן. דער וועלטפארבאנד איז מחויב ארויסשיקן געניטע אינסטרוקטארן אין דער וועלט, וועלכע זאלן אויסארבעטן נייע קאדרען, וועלכע זאלן קענען ווייטער פירן די ארבעט פון „מכבי״ פאריינען אויף די ערטער.

מיר מכבים אין עסטי מוזן מער אכט געבן אויף זיך זעלבסט, מער זיך אפּגעבן מיט ספּארט ניט לשם ספּארט און ניט לשם פארשיידענע אפּצייכנונגען, נאר לשם אונדזערע פארפליכטונגען לגבי דעם ידישן פאלק, מיר מוזן חוץ טרייבן ספּארט אויך זיך פארנעמען מיט אונדזערע נאציאנאל-קולטורעלע אויפגאבן.

ניט אומיסט איז עס, אז די ידישע ספּארט-באוועגונג איז אנטשטאנען אין דער ערשטער צייט פון דער ציוניסטישער באוועגונג, און ניט צופעליק איז עס, אז די גרינדער פון דער ידישער ספּארטבאוועגונג זיינען געווען ניט אקטיווע ספּארטלער, נאר מענטשן פון ליטעראטור און וויסנשאפט, ווי מאקס נארדוי און פּראפעסאר מאנדעלשטאם. זיי האבן פארשטאנען צו פאר-בינדן די נשמה מיטן גוף.

מיר מכבים אין עסטי דארפן זיך דיסציפּלינירן אנשליסן זיך צו דער ידישער ספּארט-ארמיי און צוזאמען בויען דעם ידישן ספּארט. מיר מוזן בויען אונדזער ערשטן דאָרף אויף אונדזער נאציאנאלן באדן אין ארץ-ישראל, דעם „כפר המכבי״.



מיר פאדערן אויף די מכבים פון עסטי און מאג פון אונדזער יובל אנצושליסן זיך צום פאלק.

פאר זיך און פאר אונדזערע ברידער מכבים הייבן מיר אויף שטאלץ אונדזער ווייס-בלאָע פאן מיט דעם מגן-דוד. זאל עס לוסטיק פלאטערן איבער אונדזערע קעפּ און איבער די קעפּ פון גאנצן ידנטום. מיר די גע-זונטע, קרעפטיקע, נאציאנאל-דענקנדיקע און נאציאנאל-פילנדיק יונגע ידן וועלן באַ-וויזן די קיינקלדיקע, אז מיר זיינען גערעכט און סוף כל סוף וועלן אלע אנדערש-דענקנדיקע אריינטרעטן אין באפעסטיקן אונדזערע שטארקע ווי איין פעסטע רייען.

T. J. S. S. „Makkabi"-15 a. juubelipeo.

# Võimlemisharjutuste kava

**26 detsembril 1935 a.**

„Estonia" kontsertsaalis.

| | | |
|---|---|---|
| 1. | Vabaharjutus | poiste rühmalt |
| 2. | Harjutused roobaspuudel | meesrühmalt |
| 3. | Vabaharjutus | tütarlaste rühmalt |
| 4. | Vabaharjutus | meesrühmalt |
| 5. | Mineviku võimlemine 1920 a. | naisrühmalt |
| 6. | Harjutused kangil | meesrühmalt |
| 7. | Väljendusvõimlemine 1935 a. | naisrühmalt |
| 8. | Põrandvõimlemine | meesrühmalt |
| 9. | Harjutused pallidega | naisrühmalt |

Naisrühmi juhatab prl. G. Bader.
Meesrühmi juhatab hra. A. Rooseste
Klaveril prl. T. Kleitsmann.

**Peale selle ball-kabaree „Estoonia" sinises saalis.**

# ספארט-פראגראם

צום אווגט

## פון 15 יאריקן יובל

## פון טאלינער „מכבי"

**דעם 26-טן דעצעמבער 1935**

אין קאנצערט-זאל פון „עסטאניע".

| | | |
|---|---|---|
| .1 | פרייע איבונגען | יינגערע יינגלעך |
| .2 | איבונגען אויף בארן | מענער גרופע |
| .3 | פרייע איבונגען | יינגערע מיידלעך |
| .4 | פרייע איבונגען | מענער גרופע |
| .5 | איבונגען פון פארגאנגענהייט | פרויען גרופע |
| .6 | איבונגען אויפן רעק | מענער גרופע |
| .7 | איבונגען 1935 יאר | פרויען גרופע |
| .8 | פארטער-איבונגען | מענער גרופע |
| .9 | איבונגען מיט באלן | פרויען גרופע |

אנפירערין פון פרויען-גרופן — פרל. ג. באדער
אנפירער פון מענער-גרופן — ה. א. ראאזעסטע
בײם קלאוויר פרל. ט. קלייטסמאן.

נאך דער פראגראם **באל-קאבארע** אין בלויען זאל פון „עסטאניא"

**6 אזייגער אינאווגט פייערלעכער יובל-אקט.**



# באגריסונג פון וועלטפארבאנד „מכבי“

## *Maccabim,*

Suurima heameelega saadan Tallinna Makkabi'le südamlikemaid Makkabi-tervitusi tema 15-nda aastapäeva puhul.

Makkabi-liikumine, mis taotleb uudset distsipliinivaimu ja kultuurilist uuestisündi, on teinud suuri edusamme viimse viieteistkümne aasta jooksul, ning nende väikestest algustest on saanud üksainus suur koondis, mis ühendab kõiki kes püüavad juutkonna uue ideaali poole.

Kõik need, kes maailma kaugemais nurkades edendavad seda ideed ja vaevaga ning raskustes sooritavad oma igapäevast tööd, võivad olla kindlad kogu juudi rahvuse tänutundele.

Ma soovin Tallinna Makkabi'le jätkuvat edu tema edaspidistes püüetes ja loodan ka tulevikus tema kaastööle Makkabistide suure perega, nii et ühendus ja üksmeel muutuks üha võimsamaks Üleilmlises Makkabi-liidus.

Juudi spordiorganisatsioonide
ülemaailmlise liidu nimel

**Dr. K. F. Jacobovich**

## מכבים,

מיט גרויס פארגעניגען שיקן מיר דעם טאלינער „מכבי“ אונדזערע הארציקסטע מכבי־גליקוואונטשן צום 15־יאריקן יובל.

די „מכבי“ — באוועגונג, וואס פראפאגירט א נייעם דיסציפלין־גייסט און קולטור־רענעסאנס, האט במשך פון די לעצטע 15 יאר געמאכט גרויסע פארטשריטן און איז פון קליינע אנהייבן דערגאנגען צו א געמיינזאמער גרויסער קערפערשאפט, וואס פאראייניקט אלעמען, וועלכע שטרעבן צו נייע אידעאלן פונם יידנטום.

אלע, וועלכע פארטיפן די דאזיקע אידיי אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט און אין שווערי־קייטן, מיט מי פירן דורך זייער טאג־טעגלעכע ארבעט, — קאנען זיכער זיין אינם דאנק־געפיל מצד דעם גאנצן יידישן פאלק.

איך ווינטש דעם טאלינער „מכבי“ אומאויפהער־לעכן דערפאלג אין זיינע ווייטערדיקע שטרעבונגען און האף אויך אין דער צוקונפט אויף זיין מיטארבעט מיט דער גרויסער „מכבי“—משפחה אויף אזא אופן, אז די איינקייט און סאלידאריטעט זאל זיך אלץ מער פארשטארקן אין וועלטפארבאנד „מכבי“.

ד״ר ק. פ. יאקאבאוויץ



באריס בעלטשיקאוו, צאנארצט.

# חזק ואמץ „מכבי"-טאלין!

צום 15-יאריקן יובל פון דער טאלינער ספארט-געזעלשאפט „מכבי" װיל איך איפפרישן אין מײן זכרון די טעג, װען „מכבי" איז נאך געשטאנען בײ זײן װיגעלע.

איך געדענק, װי איך א ספארט-אײנט פון טארטוער „מכבי" (אין אלטן הױס פון „ביאליק-פארײן" אויף לאי גאס) האב איך זיך געפרײט איבער די װונדער-שײנע ספארט-איבונגען און שטארקער מוסקולאטור פון די טארטוער ספארטלער. דענסטמאל איז בײ מיר בתוכם מיט אנדערע אנהענגער פון ידישן ספארט איפגעשװומען דער געדאנק צו ארגאניזירן אויך אין טאלין אזא געזעלשאפט, װו אונדזער יוגנט זאל קענען טרײבן ספארט אין א הײמישער, ידישער סביבה.

אונדזער ארגאניזיר-גרופע, אין װעלכער ס'זײנען ארײנגעגאנגען די ה"ה. י. קאפעלאװיטש, י. בראשינסקי, פ. רובאנאװיטש, אסנאװיטש, א. קאפלאן און איך, האט אױסגעארבעט די תקנות, װי רעגיסטרירט און מיר האבן אנגעהױבן די טעטיקײט.

אויב מיר האבן מיט שװעריקײטן די געזעלשאפט ארגאניזירט, איז אונדז אבער נאך שװערער געװען איפצוהאלטן איר קיום.

דער מאנגעל אין מיטלען, װי אויך דאס פעלן פון א ספארט-זאל און פלאץ האט געשטערט אונדזער ארבעט. אבער דענסטמאל זײנען מיר געװען ײנגער מיט 15 יאר און מיר האבן פארמאגט דאס, װאס ס'איז נױטיק פאר אזא ענין — ענערגיע און א שטארקן װילן. ניט געקוקט אויף פארשידענע מניעות, האבן מיר זיך ניט אונטערגעגעבן און פארטגעזעצט אונדזער װיכטיקע ארבעט.

אין ערך 4 — 5 יאר האב איך געהאט דעם כבוד צו שטײן בראש פון „מכבי" און איך בין גליקלעך איצט, צום 15-יאריקן יובל פון זײן עקסיסטענץ, צו זען, װעלכע גלענצנדיקע רעזולטאטן האט אונדז געגעבן דער יעמאלטיקער פארזױ. — עס איז דאך געװען א צײט, װען דער ספארט כמעט אין אלע זײנע אופנים האט זיך גערײלט פאר ניט פאסיק פאר א ידיש מײדל און ײנגל. דאס גײסטיקע דערציונג פונם קינד האט מען געהאלטן פאר מער װיכטיקער און נוציקער.

איצט אבער האבן שױן אויך ידן דערגרײכט גוטע רעזולטאטן אױפן ספארט-געביט און ידישע ספארטלער האבן באקומען א װערדיקע אנערקענונג אין דער גאנצער װעלט. ס'פרײט מיך צו באשטעטיקן, אז אויך אונדזער ספארט-געזעלשאפט „מכבי" קאן פארצײכענען במשך פון איר 15-יאריקער עקסיסטענץ גרױסע ספארט-דערגרײכונגען און איז אױסגעװאקסן אין א גרױסע און טעכטיקע ארגאניזאציע.

פונם גאנצן הארצן װינטש איך דער איצטיקער פארװאלטונג און אלע מכבים א דערפאלג אין דער װײטערדיקער טעטיקײט לטובת דעם ידישן פאלק.





## ג· אייזנשטאדט, פארזיצער פון דער יידישער קולטור־פארוואלטונג אין עסטי.

אין משך פון טויזנטער וואנדער־יארן, וועלכע דאס יידישע פאלק האט דורכגעמאכט נאכדעם, ווען ער האט אנגעוואָרן זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, האט דער ענין פון פיזישער און קערפּערלעכער דערציונג פארנומען אן אומבאדייטנדיקן ארט.

ניט וויענדיק, צוליב א ריי היסטאָרישע סיבות, אָרגאניש פארבונדן מיטן באַרן, מיט דער „מאמע־ערד", ניט פארנעמענדיק כמעט קיין שום פּאָזיציעס אין די פּראָדוקטיוו־צווייגן פון דער געוועלטשאפטלעכער עקאָנאָמיק, האט דאס יידיש פאלק במשך פון א לאנגן היסטאָרישן פעריאָד קולטיווירט אין זיך ניט דאס „ערדישע", נאטירלעכע, וואס מאכט געזונט דעם פאלק־קערפּער און דעם פאלק־גייסט, נאר דאס ראַציאָנעלע, גייסטיק־קאָמפּליצירטע, דעריבער האט זיך אויסגעבילדעט ביי יידן אן איבערטריבענע „גייסטרייכקייט".

סוף פון 19־טן יארהונדערט און באזונדערש אין די לעצטע יארן, ווען אונטערן דרוק פון סאָציאלע און גייסטיקע איבערקערעניש האט דאס יידיש פאלק אנגעהויבן איבערבויען זיין לעבן אויף נייע געזונטע פּראָדוקטיווע יסודות, הויבט זיך אָן ביי דער יידישער יוגנט א נאטירלעכע מאסן־שטרעבונג צו פיזישער אנטוויקלונג און קערפּער־לעכער זעלבסטדיסציפּלין, פּראָדוקטיווירונג פון אונדזער סאָציאלער סטרוקטור, נארמאליזירונג פון אונדזער לעבן אויף יעדן געביט.

די אויפגאבע צו שאפן א געזונטן, שטארקן, ווידערשטאנדספעיקן דור—האט גענומען אויף זיך דער וועלט־פארבאנד „מכבי"

וועלכן יידן אין דער נאָהנטער וועלט איז היינט ניט באקאנט דער נאמען און די לייסטונגען אויף פארשיידענע ספּאָרטגעביטן פון „מכבי"?

במשך פון די לעצטע צייט איז א דאנק דער איבערגעגעבענער און זאכלעכער ארבעט פון „מכבי" אויפגע־שטאנען א נייער יידישער דור, א געזונטער, שטאלצער, ארבעט־פעיקער!

טראגנדיק דעם נאמען פון היסטאָרישן יידישן העלדנטום, האט אויך אונדזער עסטישער „מכבי"־פארבאנד אנטוויקלט במשך פון 15־יאָר אן אינטענסיווע טעטיקייט!

פאר אונדזערע אויגן איז אויסגעוואקסן א דור מיט אויסגעגלייכטע רוקנס, געזונטע קערפּערס.

ליידער האָט די יידישע קולטור־זעלבסטפארוואלטונג אין איר ערשטער תקופה זינט איר אנטשטייונג, ניט געהאט די מעגלעכקייט צו אונטערשטיצן די יידישע ספּאָרטבאוועגונג אזוי, ווי זי האט דאס פארדינט. עס איז אָבער דער הייליקסטער חוב און איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאבן פון אונדזער קולטור־זעלבסטפארוואלטונג מאראליש און מאטעריעל צו אונטערשטיצן די יידישע ספּאָרטבאוועגונג.

זאל „מכבי" ווייטער בליען און גערייען אלס א באשטאנדטייל אין דער גרויסער היסטאָרישער קייט פון איבערבויאונג דאס יידישע לעבן אויף נייע, געזונטע, פעסטע און פּראָדוקטיווע יסודות.





באגריסונג פון ערן־פרעז׳ פון וועלט־פארבאנד׳ „מ כ ב י״

# לארד מעלטשעט

מכבים,

אין דער צייט פון גרויסע שווערקייטן פארן יידנטום האט די יידישע יוגנט אין עסטי געפונען פאר מעגלעך מיט א באנייטן כוח און אנטשלאסנקייט צו גרופירן זיך ארום דער וויכטיקסטער יידישער באוועגונג—אונטער די „מכבי״־פאנען.

די הויכע אידעאלן און דערהויבענע אויפגאבן פון אונדזער באוועגונג האבן פאראייניקט אין איין גייסט מיט ברידערלעכע פעדים 200.000 מענער און פרויען אין דער גארער וועלט.

מיט פרייד זע איך, אז דאס עסטישע ידנטום איז נִיט אפגעשטאנען אין דער אונטערשטיצונג פון דער גרויסער ארגאניזאציע און בשייכות מיט אייער 15־יאריקן יובל ווינטש איך אייך דערפאלג אין אלע אייערע וויטערדיקע אונטערנעמונגען.

**Tallinna Juudi Spordiseltsile „Makkabi"**

**Lord Melchett'ilt** Maailmaliidu „Makkabi" auesimees.

„Macabim,

Ajal täis suurt viletsust juutkonna keskel on E e s t i juudi noorsugu leidnud võimalikuks koonduda uuendatud jõu ja otsustavusega juutkonna tähtsaima liikumise — M a k k a b i  l i p p u d e  a l l a. Meie liikumise kõrged ideaalid ja õilsad eesmärgid on ühendanud vaimus vennalikkude sidemetega 200.000 meest ja naist terves maailmas.

Ma näen rõõmuga, et e e s t i  j u u t k o n d pole jäänud maha teistest selle suure organisatsiooni toetamises, ja teie v i i e t e i s t k ü m n e n d a  a a s t a p ä e v a puhul soovin teile edu kõigis teie edaspidistes ettevõtetes".

30. IX. 35 a.



ערשטע „מכבי" — פארוואלטונג אין 1920 יאר.

# צום יובל

דער יידישער ספארט־פאריין „מכבי" אין טאלין פייערט היי־יאר זיין 15-יאריקן יובל.

פאר די 15 יאר פון זיין עקסיסטענץ האט דער טאלינער „מכבי" דורכגעפירט א גרויסע ארבעט אויפן געביט פון אריינציען די יידישע יוגנט אין דער ספארט־באוועגונג.

אין שייכות דערמיט האט די פארוואלטונג פון „מכבי" באשלאסן ארויסצוגעבן אן איינמאליקע אויסגאבע, וועלכע זאל באקענען די ברייטע געזעלשאפטלעכקייט מיט זיינע אויפגאבן און דערגרייכונגען. אין דעם יובל־אלמאנאך וועט יעדער איינציקער געפינען אינטערעסאנטע דאטן וועגן וווקס און אנטוויקלונג פון „מכבי".

די פריינט און סימפאטיקער פון פיזישער קולטור ביי יידן וועלן מיט גרוים הנאה זיך קענען איבערציינגן, אז די מאטעריעלע און מאראלישע שטיצע, וואס זיי האבן ארויסגעוויזן דעם „מכבי" איז ניט געגאנגען לאיבוד און אז פאר די 15 יאר איז „מכבי" אויסגעוואקסן צו א גרויסער און אָנגעזעענער ארגאניזאציע.

מיר האפן, אז אדאנק דעם יובל־אלמאנאך וועט זיך דער קרייז פון די מכבי־פריינט פארברייטערן און די אקטיווע טוער פון „מכבי" וועלן מיט באנייטע כחות פארטזעצן זייער טעטיקייט לטובת דער יידישער יוגנט.

**די פארוואלטונג פון «מכבי»**

טאלין, עסטי, דעצעמבער 1935.

B. Bellinson'i trükikoda Tallinn — Eesti 1935 a.

3-19.20

# MAKKABI

מכבי

15

# TALLINN

EESTI RAHVUSRAAMATUKOGU
1 0100 00071445 7